גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש
אידיש
גליון צא • שנה ב
פרשת אחרי
תשפ"ה

# פרשת אחרי

## תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוק. / א דיוק אין לשון הפסוק. / די עבודה אין ימי הספירה - הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים. / 'אָנֹכִי ד' אֱלֹקֶיךָ'. / 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ'. / די תכלית פון בְּחִינַת דַּעַת.

[ב] די הַכְנָעָה פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נאכן טויט פון שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן. / 'וַיְדַבֵּר' הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה - אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן. / בְּ'זֹאת' - יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקּוֹדֶשׁ.

[ג] די כְּלָל און די עִיקָר. / 'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ'.

[ד] זיך גרייטן צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה. / פשט אין פסוק 'מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם' וְגוֹ'. / 'וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן'. / 'וְיָרֵאתָ – מֵאֱלֹקֶיךָ' אֲנִי ד'.

## [א]

### לשון הפסוק

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמוּתוּ. וְגוֹ'**[א] און דער אייבישטער האט גערעדט צו משה נאך דעם טויט פון די צוויי זון פון אהרן צוליב וואס זיי האבן זיך דערנענטערט פאר השי"ת און זיי זענען דערפאר געשטארבן.

### א דיוק אין לשון הפסוק

**וּלְהָבִין כִּי בִּתְחִלָּה נֶאֱמַר 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה' וְלֹא כְּתִיב מֶה הָיָה הַדִּיבּוּר** און מען דארף פארשטיין ווייל אין אנפאנג אין די ערשטע פסוק שטייט 'און דער אייבישטער האט גערעדט צו משה' און עס שטייט נישט וואס דער אייבישטער האט גערעדט צו אים.

**וְאַחַר כָּךְ כְּתִיב 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְגוֹ' בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן' וְגוֹ'** און דערנאך אין די צווייטע פסוק שטייט א עקסטערע באפעל וואס השי"ת האט גערעדט צו משה ווי די פסוק זאגט 'און דער באשעפער האט געזאגט צו משה רעד צו דיין ברודער אהרן וְגוֹ' (און אין דריטע פסוק שטייט ווייטער) מיט דאס (די דאזיגע קרבנות) זאל ער קומען צו די (משכן) הייליגקייט'[ב].

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמוּתוּ וְגוֹ'. וּלְהָבִין כִּי בִּתְחִלָּה נֶאֱמַר 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה' וְלֹא כְּתִיב מֶה הָיָה הַדִּיבּוּר. וְאַחַר כָּךְ כְּתִיב 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְגוֹ' בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן' וְגוֹ'. וּלְהָבִין זֶה, הִנֵּה אִיתָא בַּמִּשְׁנָה (אבות פ"ג מ"א) הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים וְאֵין אַתָּה בָּא לִידֵי עֲבֵירָה, דַּע מֵאַיִן בָּאתָ,

### די עבודה אין ימי הספירה - הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים

**וּלְהָבִין זֶה** און צו פארשטיין דאס, **הִנֵּה אִיתָא בַּמִּשְׁנָה** (אבות פ"ג מ"א) **הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים וְאֵין אַתָּה בָּא לִידֵי עֲבֵירָה** טראכט אריין אין די דריי זאכן און דו וועסט נישט צוקומען צו קיין עבירה, **דַּע מֵאַיִן בָּאתָ** (1) זאלסט וויסן פון ווי דו קומסט, **וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ** (2) און צו ווי ביסט

## פארווארט

דער ראפשיצער רב זצ"ל (יארצייט יא אייר) האט אמאל ארויסגעברענגט די מעלה פון יחוס, אז ווען ער ענדיגט דאווענען און ער טרינקט א גלעזעל לחיים, טראכט ווי אזוי פשוט איז געווען מיין דאווענען, און ווי חשוב איז געווען די עבודת התפילה פון מיינע עלטערן, און אז ס'קומט זיך מיר נישט די בראנפן.

ווידעראום א פשוטע יוד ווען ער טרינקט א גלעזל לחיים נאכן דאווענען האלט ער אז עס קומט זיך אים, ווייל וויסענדיג אז ער קומט פון פשוטע עלטערן טראכט ער ביי זיך אז זיין דאווענען איז נאך חשובער ווי זייער דאווענען.

אין די קומענדיגע תורה גייט אונז דער בת עין געבן די געדאנק אויף די ווערטער פון די משנה דַּע מֵאַיִן בָּאתָ פון ווי קומסטו ?, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ? לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה אז דיין גאנצע תכלית איז זאלסט צוקומען ענוה וואס איז א פלאץ פון עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה.

---

א. די סדר הפסוקים איז אזויף [פסוק א'] **וַיְדַבֵּר ד' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ד' וַיָּמוּתוּ.** [פסוק ב'] **וַיֹּאמֶר ד' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ** וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת. [פסוק ג'] **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ** בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה.

ב. איז לכאורה דארף מען פארשטיין אז אויב דאס איז געווען די באפעל פונעם באשעפער, דעמאלסט וואס איז געווען די באפעל און די דִּיבּוּר וואס השי"ת האט גערעדט צו משה אין די ערשטע פסוק.

אנגעגרייט צו גיין, **וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד וְכוּ'**[ג] (3) און פאר וועם דו גייסט אפגעבן דין וחשבון.

**וְנִרְאֶה לְפָרֵשׁ שֶׁהַמְּכוּוָּן שֶׁל הַג' דְּבָרִים אֵלּוּ הוּא עַל יָמִים שֶׁבֵּין פֶּסַח לַעֲצֶרֶת**[ד] און מען קען אויסטייטשען אז די כוונה פון די דריי זאכן וואס די משנה רעכנט אויס גייט ארויף אויף די טעג צווישן פסח און שבועות.

**עַל דֶּרֶךְ זֶה** אויף די וועג:

## סור מרע ועשה טוב

**דְּהִנֵּה בְּפֶסַח הָיָה יְצִיאַת מִצְרַיִם מִמְּקוֹם הַטּוּמְאָה** ווייל אין פסח איז געווען יְצִיאַת מִצְרַיִם פון די מקום טומאה, **עַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ בְּיָמִים אֵלּוּ** און דערפאר דארף א מענטש זיך אויסלייטערן זיין גוף אין די טעג, **וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יַעֲשֶׂה** און ער זאל נישט טאהן אזוי ווי די מעשים פון די מצרים, **רַק לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר אֶת עַצְמוֹ מִכָּל תַּאֲווֹת גַּשְׁמִיּוֹת בַּיָּמִים הַלָּלוּ** נאר ער זאל זעהן זיך צו מְקַדֵּשׁ און מְטַהֵר זיין פון אלע זיינע גשמיות'דיגע תַּאֲווֹת (גלוסטונגען) אין די טעג (צווישן פסח און שבועות).

**וְלִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק בְּכָל לְבָבוֹ וּבְכָל נַפְשׁוֹ בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ** און צו גלוסטן און צו שטרעבן מיט זיין גאנצע הארץ און זעהל מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, **וּלְהָכִין אֶת עַצְמוֹ לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה אָנֹכִי וְלֹא יִהְיֶה לְךָ** און זיך צוגרייטן צו מקבל זיין די תורה פון 'אָנֹכִי וְלֹא יִהְיֶה לְךָ'.

**כְּמוֹ בִּשְׁעַת מַתָּן תּוֹרָה שֶׁפָּסְקָה זוּהֲמָתָן וְהָיוּ בְּהִזְדַּכְּכוּת הַחוֹמְרִיּוּת** אזוי ווי עס איז געווען ביי מתן תורה וואס עס האט זיך אפגעטאהן זייער זוּהֲמָא (אומריינקייט) און די יודן האבן אויסגעלייטערעט זייער 'חוֹמְרִיּוּת' (מענטשליכע גלוסטענישן), **וְהָיוּ מִשְׁתּוֹקְקִים לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ** און זיי האבן געגלוסט צו קבלת התורה ממש מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, **כְּמוֹ שֶׁאִיתָא** (שבת פח:) **שֶׁפָּרְחָה נִשְׁמָתָן** אזוי ווי עס שטייט אין גמרא אז זייער נשמה איז ארויסגעפלויגן ביי מתן תורה.

---

וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד וְכוּ'[א].

וְנִרְאֶה לְפָרֵשׁ שֶׁהַמְּכוּוָּן שֶׁל הַג' דְּבָרִים אֵלּוּ הוּא עַל יָמִים שֶׁבֵּין פֶּסַח לַעֲצֶרֶת[ב].

עַל דֶּרֶךְ זֶה, דְּהִנֵּה בְּפֶסַח הָיָה יְצִיאַת מִצְרַיִם מִמְּקוֹם הַטּוּמְאָה, עַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ בְּיָמִים אֵלּוּ, וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יַעֲשֶׂה.

רַק לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר אֶת עַצְמוֹ מִכָּל תַּאֲווֹת גַּשְׁמִיּוֹת בַּיָּמִים הַלָּלוּ, וְלִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק בְּכָל לְבָבוֹ וּבְכָל נַפְשׁוֹ בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ.

וּלְהָכִין אֶת עַצְמוֹ לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה אָנֹכִי וְלֹא יִהְיֶה לְךָ, כְּמוֹ בִּשְׁעַת מַתָּן תּוֹרָה שֶׁפָּסְקָה זוּהֲמָתָן וְהָיוּ בְּהִזְדַּכְּכוּת הַחוֹמְרִיּוּת.

וְהָיוּ מִשְׁתּוֹקְקִים לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ. כְּמוֹ שֶׁאִיתָא (שבת פח:) שֶׁפָּרְחָה נִשְׁמָתָן.

א. במשנה שם: עקביא בן מהללאל אומר, הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עברה. דע, מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון. מאין באת, מטפה סרוחה, ולאן אתה הולך, למקום עפר רמה ותולעה. ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון, לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

ב. וראה מה שכתב רבינו עוד בשייכות משנה זו לימים שבין פסח לעצרת להלן ריש פרשת קדושים: וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן וגו', וידבר ה' אל משה ואמרת אלהם קדשים תהיו וגו'. הנה אמרו חז"ל (אבות פ"ג מ"א) הסתכל בשלשה דברים וכו' דע מאין באת וכו'. הנה כל זה מרמז על ימים שבין פסח לעצרת שהולכים ממדריגה למדריגה עד קבלת התורה, היינו שבשעת יציאת מצרים היתה התחלת התגלות הדעת, כמאמר (בבא מציעא סא, ב) אני הוא שהבחנתי בין טיפה של בכור לטיפה שאינה של בכור, ר"ל שאז היתה התגלות הדעת שיבינו בני אדם שהשי"ת הוא הבוחן כליות, ומשגיח תמיד על מעשה בני אדם ומחשבותם ומושל בכל, ועל ידי זה יירא ויפחד ויבוש ממנו יתברך, ויטהר מחשבותיו ומדותיו לעבודת הבורא ב"ה. כן ישתדל כל ימי הספירה, עד שיגיע למדריגה גדולה, שהוא בחינת שפלות והכנעה שהוא בקבלת התורה, שהתורה נמשלה למים, מה מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך וכו' (תענית ז, א), ר"ל שאין התורה שורה אלא על מי שיש בו שפלות ונמוכת רוח. וזהו דע מאין באת, מטיפה סרוחה, שהוא קליפת מצרים, שיצא ממנו הדעת שיוכלו לידע את ה', איך שהוא בוחן כליות כנ"ל, ובאותו הדעת ג"כ תלך למקום עפר רמה ותולעה, ר"ל למעלה הגדולה ממנה, היינו לבחינת שפלות, שתוכל לקבל בחינת התורה כנ"ל. ודע לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, ר"ל שתזהר מאוד באותן הימים שהן לפני מ"י, ר"ל לפני יום החמשים, שהוא יום קבלת התורה, כי אתה עתיד ליתן דין וחשבון עליהם, כי אז הוא העת וזמן להתקדש וליכנס לבחינה גדולה, שהוא שפלות וענוה.

---

ג. במשנה שם: עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר, הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה: דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן. מֵאַיִן בָּאתָ ? מִטִּפָּה סְרוּחָה; וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ ? לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה. וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן ? לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

ד. דער בת עין זאגט אויך אן ענליכע דרוש באריכות אין אנפאנג קומענדיגע פרשה ד"ה וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן וגו', וידבר ה' אל משה ואמרת אלהם קדשים תהיו וגו'.

וּלְכָךְ הָיָה מְיַיחֵד שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ עֲלֵיהֶן אַף עַל פִּי שֶׁהֵן חַיִּים[ג] וְאָמַר 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', וְזֶה הָיָה מֵחֲמַת מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

כָּךְ צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ בִּימֵי הַסְּפִירָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁכָּתוּב בָּהּ 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ'.

הַיְינוּ שֶׁהַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא יִהְיֶה נִקְרָא אֱלֹקֶיךָ.

וְלָצֵאת מִבְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת גָּלוּת הַדַּעַת.

וְלָבֹא לִבְחִינַת שְׁלֵימוּת הַדַּעַת, 'וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים' וְגוֹ' (דברים ד, לט).

וְזֶהוּ 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ', פֵּירוּשׁ הַמְכוּוָּן הוּא שֶׁבָּאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מְקוֹם הַטּוּמְאָה מִבְּחִינַת גָּלוּת הַדַּעַת.

'וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה', פֵּירוּשׁ שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה שֶׁקִּיּוּמָהּ הוּא רַק אֵצֶל מִי שֶׁנֶּחְשָׁב בְּעֵינָיו לְעָפָר אוֹ לְתוֹלַעַת[ד],

ג. ואין הקב"ה מייחד שמו על הצדיקים בחייהם, כדאיתא במדרש תנחומא תולדות פ"ז: אמר רשב"י אין הקב"ה מיחד שמו על הצדיקים בחייהן אלא לאחר מיתתן, שנאמר (תהלים טז, ג) 'לקדושים אשר בארץ המה' וגו', אימתי הן קדושים כשהן קבורים בארץ, שכל זמן שהן חיין אין הקב"ה מייחד שמו עליהן.

ד. ועיין עירובין נד, א: אמר רב מתנה מאי דכתיב 'וממדבר מתנה', אם משים אדם עצמו כמדבר זה שהכל דשין בו (שאין לו גסות,

## 'אָנֹכִי ד' אֱלֹקֶיךָ'

**וּלְכָךְ הָיָה מְיַיחֵד שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ עֲלֵיהֶן אַף עַל פִּי שֶׁהֵן חַיִּים**[ה] **וְאָמַר 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ'** און דערפאר האט דער אייבישטער דערמאנט זיין נאמען אויף זיי אזוי ווי ער האט געזאגט 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ – איך בין דער גאט דיין באשעפער', **וְזֶה הָיָה מֵחֲמַת מְסִירוּת נֶפֶשׁ** און דאס וואס ס'איז געווען פָּרְחָה נִשְׁמָתָן איז געווען וועגן זייערע מְסִירוּת נֶפֶשׁ צו מקבל זיין די תורה.

**כָּךְ צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ בִּימֵי הַסְּפִירָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁכָּתוּב בָּהּ 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ'** אזוי דארף זיך יעדער מענטש גרייטן אין די טעג פון סְפִירָה מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה וואס עס שטייט אין איר 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', **הַיְינוּ שֶׁהַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא יִהְיֶה נִקְרָא אֱלֹקֶיךָ** דאס מיינט אז דער באשעפער זאל ווערן אנגערופן 'אֱלֹקֶיךָ'.

**וְלָצֵאת מִבְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם** און ער זאל זעהן ארויסצוגיין פון די בחינה וואס הייסט גָּלוּת מִצְרַיִם, **שֶׁהוּא בְּחִינַת גָּלוּת הַדַּעַת** וואס גָּלוּת מִצְרַיִם איז די בחינה פון גָּלוּת הַדַּעַת – אז די דַּעַת (די טראכטן און וויסן פונעם מענטש) איז אין גלות, **וְלָבֹא לִבְחִינַת שְׁלֵימוּת הַדַּעַת** און צו צוקומען צו די בחינה פון 'שְׁלֵימוּת הַדַּעַת' - א גאנצע וויסן, **'וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים' וְגוֹ'**[ו] (דברים ד, לט) אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און אינעם היינטיגן טאג זאלסט וויסן און צוריקערן צו דיין הארץ (דאס מיינט – אריינטראכן) אז דער אייבישטער איז דיין באשעפער'[ז].

## 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ'

**וְזֶהוּ 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ'** און דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ' – פון ווי דו ביסט געקומען, **פֵּירוּשׁ הַמְכוּוָּן הוּא שֶׁבָּאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מְקוֹם הַטּוּמְאָה מִבְּחִינַת גָּלוּת הַדַּעַת**[ח] וואס די כוונה פונעם תנא איז דו זאלסט וויסן אז דו קומסט פון אֶרֶץ מִצְרַיִם א פלאץ פון טוּמְאָה – פון א פלאץ פון גָּלוּת הַדַּעַת.

## 'וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ'

**'וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ'** און די משנה זאגט ווייטער 'און צו וועלכע פלאץ דו ביסט אנגעגרייט צו גיין, **לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה'** א פלאץ פון ערד און ווערים', **פֵּירוּשׁ שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה שֶׁקִּיּוּמָהּ הוּא רַק אֵצֶל מִי שֶׁנֶּחְשָׁב בְּעֵינָיו לְעָפָר אוֹ לְתוֹלַעַת**[ט] דאס מיינט דער תנא פון די משנה צו זאגן אז דו ביסט אנגעגרייט

ה. וואס געוועגטליך דערמאנט נישט דער באשעפער אויף א מענטש און אפילו אויף צדיקים זיין נאמען ווי לאנג דער מענטש לעבט, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא (תולדות פ"ז): **אמר רשב"י אין הקב"ה מיחד שמו על הצדיקים בחייהן** [ר' שמעון בן יוחאי האט געזאגט אז דער באשעפער דערמאנט נישט זיין נאמען אויף צדיקים ווילאנג זיי לעבן], **אלא לאחר מיתתן** [נאר נאך זייער טויט] **שנאמר** (תהלים טז, ג) **'לקדושים אשר בארץ המה' וגו'** [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין תהלים 'צו די הייליגע וואס זענען אין די ערד'], **אימתי הן קדושים כשהן קבורים בארץ** [ווען ווערן זיי אנגערופן 'קְדוֹשִׁים' ווען זיי זענען שוין באערדיגט אינעם ערד], **שכל זמן שהן חיין אין הקב"ה מייחד שמו עליהן** [ווייל ווי לאנג זיי לעבן טוט נישט השי"ת פאראייניגן זיין נאמען אויף זיי].

ו. די לשון הפסוק איז: וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ד' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת אֵין עוֹד.

ז. און ווי דער אור החיים הקדוש איז מסביר דארט אויפן פלאץ 10 אופנים צו טייטשען די פסוק אז די פסוק מיינט אונז צו זאגן אז דער מענטש זאל יעדן טאג אריינטראכטן אויף זיינע מעשים (וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם) און זיך גרייטן אויפן יום הדין (וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ) און צו תשובה טאהן.

ח. דאס מיינט אז די שאלות ותשובות פון די משנה 'דַּע מֵאַיִן בָּאתָ' און אזוי ווייטער גייט ארויף בכלליות אויף די מצב און סדר העבודה פון כלל ישראל.

ט. אזוי ווי די גמרא זאגט אין מס' עירובין (נד, א): **אמר רב מתנה מאי דכתיב 'וממדבר מתנה'** [רב מתנה האט געזאגט וואס מיינט די פסוק צו זאגן

צו מקבל זיין די תורה וואס האלט זיך נאר ביי איינעם וואס האלט זיך אין זיינע אויגן אליין ווי ערד אדער ווי א ווארעם.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בראשית יח, כז) **'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (אברהם אבינו האט געזאגט:) 'און איך בין ווערד צו זיין זאמד און אש', **'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת'** (תהלים כב, ז) און ווי דוד המלך זאגט אין תהלים 'און איך בין ווערד אזוי ווי א ווארעם'.

## די תכלית פון בְּחִינַת דַּעַת

**וּלְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה אִי אֶפְשָׁר רַק עַל יְדֵי בְּחִינַת דַּעַת אֲמִיתִּית לָדַעַת כִּי הֲוָיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים וְגוֹ'**[יא] און צו מקבל זיין די תורה קען מען נישט נאר דורך האבן א אמת'ע בחינה פון דַּעַת צו וויסן אז דער גאט (שם הֲוָיָ"ה) איז דער באשעפער (שם אֱלֹקִים), **וְלֹא יַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם** און ער זאל נישט טאהן אזוי ווי די מעשים פון די לאנד מצרים, **רַק לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ מִכָּל דְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים** נאר ער זאל אויסארבעטן זיין גוף פון אלע גשמיות'דיגע זאכן.

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יח, כז) 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר', 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת' (תהלים כב, ז).

וּלְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה אִי אֶפְשָׁר רַק עַל יְדֵי בְּחִינַת דַּעַת אֲמִיתִּית לָדַעַת כִּי הֲוָיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים וְגוֹ'[ה].

וְלֹא יַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם, רַק לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ מִכָּל דְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים.

וְאֶפְשָׁר לוֹמַר שֶׁכַּוָּונַת הַכָּתוּב עַל דֶּרֶךְ זֶה, דְּהִנֵּה בְּחִינַת דִּיבּוּר הָאָמוּר בַּפָּסוּק 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה' הוּא בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

וּבְחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה הִיא רַק אֵצֶל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת הַכְנָעָה וְלֵב נִשְׁבָּר.

וְעַל יְדֵי מִיתַת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בָּא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה לִבְחִינַת הַכְנָעָה וְלֵב נִשְׁבָּר.

כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל פָּסוּק (ויקרא י, ג) 'בִּקְרוֹבַי אֶקָּדֵשׁ' וְגוֹ' אָמַר לוֹ מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן יוֹדֵעַ הָיִיתִי שֶׁיִּתְקַדֵּשׁ הַבַּיִת בִּמְיוּדָּעָיו שֶׁל מָקוֹם, וְהָיִיתִי סָבוּר אוֹ בִּי אוֹ בְּךָ, עַכְשָׁיו רוֹאֶה אֲנִי שֶׁהֵם גְּדוֹלִים מִמֶּנִּי וּמִמְּךָ.

רש"י), תלמודו מתקיים בידו, ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו.

ה. ע"פ לשון הכתוב (דברים ד, לה): 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו'.

[ב]

## די הַכְנָעָה פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נאכן טויט פון שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן

**וְאֶפְשָׁר לוֹמַר שֶׁכַּוָּונַת הַכָּתוּב עַל דֶּרֶךְ זֶה** און מען קען אפשר זאגן אז די כוונה פונעם פסוק איז אויף די וועג, **דְּהִנֵּה בְּחִינַת דִּיבּוּר הָאָמוּר בַּפָּסוּק 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה' הוּא בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** ווייל די בחינה פון דִּיבּוּר וואס עס שטייט אין די פסוק 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה' איז די דִּיבּוּר א בחינה פון הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, **וּבְחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה הִיא רַק אֵצֶל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת הַכְנָעָה וְלֵב נִשְׁבָּר** און די בחינה פון הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה איז נאר דא ביי איינעם וואס האט א בחינה פון הַכְנָעָה (אונטערטעניגקייט) און א לֵב נִשְׁבָּר (צובראכן הארץ).

**וְעַל יְדֵי מִיתַת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בָּא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה לִבְחִינַת הַכְנָעָה וְלֵב נִשְׁבָּר** און דורכדעם וואס אהרן הכהן'ס צוויי קינדער זענען נפטר געווארן איז משה רבינו צוגעקומען צו האבן א בחינה פון אונטערטעניגקייט און א לֵב נִשְׁבָּר, **כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י עַל פָּסוּק** (ויקרא י, ג) **'בִּקְרוֹבַי אֶקָּדֵשׁ' וְגוֹ' אָמַר לוֹ מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן יוֹדֵעַ הָיִיתִי שֶׁיִּתְקַדֵּשׁ הַבַּיִת בִּמְיוּדָּעָיו שֶׁל מָקוֹם** אזוי ווי רש"י טייטשט אויף די פסוק 'בִּקְרוֹבַי אֶקָּדֵשׁ' אז משה האט געזאגט צו אהרן איך האב געוויסט אז די משכן וועט געהייליגט ווערן מיט די באליבטע פון השי"ת, **וְהָיִיתִי סָבוּר אוֹ בִּי אוֹ בְּךָ** און איך האב געמיינט אז ס'וועט זיין מיט מיר אדער מיט דיר, **עַכְשָׁיו רוֹאֶה אֲנִי שֶׁהֵם גְּדוֹלִים מִמֶּנִּי וּמִמְּךָ** און יעצט זעה איך אז זיי זענען גרעסער פון מיר און פון דיר.

---

וּמִמִּדְבָּר מַתָּנָה] **אם משים אדם עצמו כמדבר זה שהכל דשין בו** [אויב א מענטש מאכט זיך ווי א מדבר (דאס מיינט אז ער האט נישט קיין גאווה און גסות, רש"י) וואס אלע קענען טרעטן אויף איר], **תלמודו מתקיים בידו** [דעמאלסט האלט זיך די תורה ביי אים], **ואם לאו** [און אויב נישט - דאס מיינט ער האלט זיך גרויס ביי זיך] **אין תלמודו מתקיים בידו** [דעמאלסט וועט זיך די תורה נישט האלטן ביי אים].

י. און דאס מיינט די תנא צו זאגן **לִמְקוֹם עָפָר** רִמָּה **וְתוֹלֵעָה'.**

יא. די לשון הפסוק איז (דברים ד, לה): אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ד' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ.

וְזֶהוּ 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן', פֵּירוּשׁ בְּחִינַת דִּיבּוּר הוּא בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה הָיָה 'אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה''.

פֵּירוּשׁ שֶׁהָיָה רוֹאֶה שֶׁמִּיתָתָם הָיָה מֵחֲמַת הִתְקָרְבוּת וְהִשְׁתּוֹקְקוּת לַה', וּמֵחֲמַת זֶה הָיָה בָּא לִבְחִינַת הַכְנָעָה, לְכָךְ הָיָה דִּיבּוּר ה' בְּהַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אֵלָיו.

וְזֶהוּ 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְגוֹ' בְּזֹאת', בִּבְחִינַת הַכְנָעָה שֶׁכָּתוּב לִפְנֵי זֶה 'יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקּוֹדֶשׁ'.

וְזֶה הַכְּלָל וְהָעִיקָּר שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לָצֵאת מִבְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם שֶׁהוּא מְקוֹם טוּמְאָה, וְלָבֹא לִבְחִינַת גְּאוּלַּת מִצְרַיִם.

הַיְינוּ לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָבֹא לִבְחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא יְיַחֵד שְׁמוֹ עָלָיו לִהְיוֹת נִקְרָא ה' אֱלֹקֶיךָ.

## 'וַיְדַבֵּר' הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה - אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן

**וְזֶהוּ 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן'** און דאס איז פשט אינעם פסוק 'און דער אייבישטער האט גערעדט צו משה נאר דער טויט פון די צוויי קינדער פון אהרן', **פֵּירוּשׁ בְּחִינַת דִּיבּוּר הוּא בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** דאס מיינט צו זאגן אז די בחינה פון דִּיבּוּר וואס דאס איז די בחינה פון הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, **הָיָה 'אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן'** דאס (הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה) 'איז געווען צו משה נאכן טויט פון די צוויי קינדער פון אהרן.

**'בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה'' פֵּירוּשׁ שֶׁהָיָה רוֹאֶה שֶׁמִּיתָתָם הָיָה מֵחֲמַת הִתְקָרְבוּת וְהִשְׁתּוֹקְקוּת לַה'** די תורה זאגט ווייטער 'ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צום באשעפער' דאס מיינט צו זאגן אז משה האט געזעהן אז זייער טויט איז געווען צוליב זייער דערנענטערן זיך און גלוסטעניש צום באשעפער, **וּמֵחֲמַת זֶה הָיָה בָּא לִבְחִינַת הַכְנָעָה** און וועגן דעם איז משה רבינו געקומען צו א בחינה פון הַכְנָעָה (אונטערטעניגקייט), **לְכָךְ הָיָה דִּיבּוּר ה' בְּהַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אֵלָיו**[יב] און פארדעם איז געווען צו אים די בחינה פון 'דִּיבּוּר ה'' מיט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

## בְּ'זֹאת' - יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקּוֹדֶשׁ

**וְזֶהוּ 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְגוֹ' בְּזֹאת'** און דאס איז פשט אינעם פסוק און דער אייבישטער האט געזאגט צו משה רעד צו דיין ברודער אהרן וְגוֹ' (און אין קומענדיגע פסוק איז די תורה ממשיך) 'בְּזֹאת' - מיט דאס [זאל אריינקומען צו די משכן].

**בִּבְחִינַת הַכְנָעָה שֶׁכָּתוּב לִפְנֵי זֶה 'יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקּוֹדֶשׁ'** דאס מיינט 'בְּזֹאת' אז מיט די בחינה פון הַכְנָעָה וואס שטייט אין די פסוק פארדעם (וַיְדַבֵּר ד' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן) מיט די הַכְנָעָה זאל אהרן אריינקומען אין משכן.

[ג]

## די כְּלָל און די עִיקָּר

**וְזֶה הַכְּלָל וְהָעִיקָּר** און דאס איז די כלל און די עיקר: **שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לָצֵאת מִבְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם שֶׁהוּא מְקוֹם טוּמְאָה** אז א מענטש דארף ארויסגיין פון גָּלוּת מִצְרַיִם וואס דאס איז א פלאץ פון טוּמְאָה, **וְלָבֹא לִבְחִינַת גְּאוּלַּת מִצְרַיִם** און צו צוקומען צו די בחינה פון גְּאוּלַּת מִצְרַיִם.

**הַיְינוּ לְזַכֵּךְ גּוּפוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם** דאס מיינט ער זאל אויסארבעטן זיין גוף ער זאל נישט טאהן אזוי ווי די מעשים פון אֶרֶץ מִצְרַיִם, **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָבֹא לִבְחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ** כדי ער זאל קענען צוקומען צו די בחינה פון קַבָּלַת הַתּוֹרָה מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, **שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא יְיַחֵד שְׁמוֹ עָלָיו לִהְיוֹת נִקְרָא ה' אֱלֹקֶיךָ** אז דער באשעפער זאל קענען איינציגן און דערמאנען זיין נאמען צו ווערן אנגערופן אויף אים 'ד' אֱלֹקֶיךָ'.

יב. און מיט דעם איז פארענטפערט די קשיא פארוואס עס שטייט נישט אין פסוק וואס דער אייבישטער האט גערעדט צו אים. נאר פשט אין אז די ווארט **וַיְדַבֵּר ד'** מיינט די הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה וואס איז געשען נאך **'אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן'**.

## 'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ'

**וְנוּכַל לְרַמֵּז זֶה בַּפָּסוּק** (ויקרא יט, ג) **'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ'**[יג] און אונז קענען דאס מרמז זיין אין די פסוק 'א מאן זיין טאטע און מאמע זאל ער מורא האבן', **פֵּירוּשׁ לִרְאוֹת תָּמִיד לָבֹא לִבְחִינוֹת אֵלּוּ הַנַּ"ל**[יד] די ווארט 'תִּירָאוּ' איז טייטש זעהן – און דאס מיינט די פסוק צו זאגן אז א מענטש זאל זעהן צוקומען צו די אויבענדערמאנטע בחינות פון אִמּוֹ וְאָבִיו.

**כִּי גְּאוּלַּת מִצְרַיִם נִקְרָא 'אֵם'** ווייל די בחינה פון גְּאוּלַּת מִצְרַיִם ווערט אנגערופן 'אֵם', **שֶׁהִיא שִׁירָה חֲדָשָׁה לְשׁוֹן נְקֵבָה** ווי עס שטייט אין מדרש אז די 'שִׁירָה' וואס מען האט געזונגען ביי גְּאוּלַּת מִצְרַיִם ווערט אנגערופן מיט א לְשׁוֹן נְקֵבָה וואס דאס איז די נאמען 'שִׁירָה חֲדָשָׁה'.

**וְקַבָּלַת הַתּוֹרָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם 'זָכָר'** און קַבָּלַת הַתּוֹרָה ווערט אנגערופן מיט די נאמען 'זָכָר'.

וְנוּכַל לְרַמֵּז זֶה בַּפָּסוּק (ויקרא יט, ג) 'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ', פֵּירוּשׁ לִרְאוֹת תָּמִיד לָבֹא לִבְחִינוֹת אֵלּוּ הַנַּ"ל. כִּי גְּאוּלַּת מִצְרַיִם נִקְרָא 'אֵם', שֶׁהִיא שִׁירָה חֲדָשָׁה, לְשׁוֹן נְקֵבָה[ו].

וְקַבָּלַת הַתּוֹרָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם 'זָכָר'.

וְזֶהוּ 'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ', פֵּירוּשׁ לִרְאוֹת תָּמִיד לָבֹא לְב' הַבְּחִינוֹת אֵלּוּ, הַיְינוּ לִבְחִינַת גְּאוּלַּת מִצְרַיִם שֶׁהִיא בְּחִינַת אֵם, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָבֹא לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁהוּא בְּחִינַת אָב.

גַּם בְּחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם זָקֵן וְשֵׂיבָה.

כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּגְּמָרָא (מכילתא פרשת בחדש פ"ה) שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נִדְמֶה לָהֶם כְּזָקֵן מָלֵא רַחֲמִים.

וְזֶה יֵשׁ לְפָרֵשׁ פֵּירוּשׁ הַפָּסוּק (ויקרא יט, לב) 'מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן', פֵּירוּשׁ שֶׁצָּרִיךְ לָקוּם בִּזְרִיזוּת יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַד

ו. שמו"ר כג, יא: כל השירות שנאמרו בעולם לשון נקבות, לומר מה הנקבה הזאת מתעברת ויולדת וחוזרת ויולדת, כך הן הצרות באות עליהן והיו אומרים שירות בלשון נקבות, לכך עמדו בבל ומדי ויון ואדום ושיעבדו את ישראל, אבל לעתיד לבוא אין עוד צרות בו, שנאמר (ישעיה סה, טז) 'כי נשכחו הצרות הראשונות', וכתיב (שם לה, י) 'ששון ושמחה ישיגו' וגו', באותה שעה אומרים שיר לשון זכר שנאמר (תהלים צח, א) 'שירו לה' שיר חדש'.

**וְזֶהוּ 'אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ'** און דאס זאגט די פסוק 'א מענטש זאל זעהן (תִּירָאוּ) זיין טאטע (אָב) און מאמע (אֵם), **פֵּירוּשׁ לִרְאוֹת תָּמִיד לָבֹא לְב' הַבְּחִינוֹת אֵלּוּ** דאס איז טייטש אז דער מענטש זאל שטענדיג זעהן צוקומען צו די צוויי בחינות, **הַיְינוּ לִבְחִינַת גְּאוּלַּת מִצְרַיִם שֶׁהִיא בְּחִינַת אֵם** דאס מיינט צו צוקומען צו די בחינה פון גְּאוּלַּת מִצְרַיִם וואס דאס איז די בחינה פון 'לְשׁוֹן נְקֵבָה' וואס הייסט 'אֵם' (אִמּוֹ), **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לָבֹא לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁהוּא בְּחִינַת אָב**[טו] כדי ער זאל קענען צוקומען צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה וואס איז א 'לְשׁוֹן זָכָר' די בחינה פון 'אָב' (וְאָבִיו).

[ד]

## זיך גרייטן צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה

**גַּם בְּחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם זָקֵן וְשֵׂיבָה** אויך טוט עס מרמז זיין די בחינה פון קַבָּלַת הַתּוֹרָה ווערן אנגערופן מיט די נעמען 'זָקֵן' און 'שֵׂיבָה', **כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּגְּמָרָא** (מכילתא פרשת בחדש פ"ה) **שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נִדְמֶה לָהֶם כְּזָקֵן מָלֵא רַחֲמִים** אזוי ווי עס שטייט אין גמרא אז ביי די ים סוף האט דער באשעפער אויסגעזעהן צו די יודן ווי א זָקֵן פוהל מיט רחמים.

## פשט אין פסוק 'מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם' וְגוֹ'

**וְזֶה יֵשׁ לְפָרֵשׁ פֵּירוּשׁ הַפָּסוּק** (ויקרא יט, לב) **'מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן'**[טז] און מיט דעם קען מען טייטשען די פסוק 'פאר א עלטערן (שֵׂיבָה) זאלסטו אויפשטיין און זאלסט באשיינען די פנים פון א (זָקֵן) עלטערן'.

יג. ווי עס זעהט אויס איז די תורה געזאגט געווארן ווען פרשת אחרי קדושים זענען געווען צוזאמען און דערפאר גייט יעצט דער בת עין טייטשען א עקסטערע פסוק אין פרשת קדושים און עס מקשר זיין מיטן פריעדיגע דרוש. אבער אזוי ווי די קומענדיגע שטיקל איז שוין נישט דווקא א חלק פון די פפריעדיגע דרוש האבן מיר עס אנגעצייכנט מיטן גרעי' פארב אז כדי וואס האבן נאכנישט א רגילות אינעם ספר זאלן דאס נוצן אלץ הפסקה פון די המשך התורה.

יד. געווענליך מיינט די טייטש 'תִּירָאוּ' מורא האבן, אבער יעצט גייט דער בת עין טייטשען די פסוק אז **'תִּירָאוּ'** מיינט זעהן.

טו. דאס מיינט אז דער מענטש זאל געדענקען די עיקר בחינה פון אִמּוֹ וְאָבִיו אז ער זאל אוועקגיין פון מצרים וואס דאס ווערט אנגערופן 'אֵם' און ער זאל געדענקען די בחינה פון 'אָב' צוקומען צו קבלת התורה.

טז. די לשון הפסוק איז: מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ אֲנִי ד'.

**כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ לָבֹא לִבְחִינַת שֵׂיבָה.**

'וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן', פֵּירוּשׁ לַחֲזוֹר וּלְהַדֵּר עַד מְאוֹד לָבֹא לִבְחִינַת זָקֵן, שֶׁהוּא קַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ.

'וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ' פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה לְךָ בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה מִלִּפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, עַד שֶׁיְּיַחֵד שְׁמוֹ עָלֶיךָ לִהְיוֹת נִקְרָא אֱלֹקֶיךָ.

**וְאָז 'וְיָרֵאתָ', הַבְּחִינַת יִרְאָה שֶׁיִּהְיֶה לְךָ יִהְיֶה 'מֵאֱלֹקֶיךָ'.**

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לָבֹא לִבְחִינָה זוֹ בִּשְׁלֵימוּת, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**פֵּירוּשׁ שֶׁצָּרִיךְ לָקוּם בִּזְרִיזוּת יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ לָבֹא לִבְחִינַת שֵׂיבָה** די פסוק מיינט צו זאגן 'מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם' דו זאלסט זיך פעדערן מיט א שטארקע זְרִיזוּת ביז ממש דיין זעהל וועט אויסגיין כדי צוקומען צו די בחינה פון שֵׂיבָה – וואס מיינט קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

## 'וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן'

**'וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן'** און די פסוק זאגט ווייטער 'זאלסט באשיינען די פנים פון א (זָקֵן) עלטערן', **פֵּירוּשׁ לַחֲזוֹר וּלְהַדֵּר עַד מְאוֹד"**[יז] די ווארט 'וְהָדַרְתָּ' קען מען טייטשען א לשון פון 'לְהַדֵּר' איבערצוגיין און צו זייער שטארק נאכגיין, **לָבֹא לִבְחִינַת זָקֵן** כדי צוקומען צו די בחינה פון 'זָקֵן', **שֶׁהוּא קַבָּלַת הַתּוֹרָה בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ** וואס זָקֵן מיינט קבלת התורה מיט מסירות נפש.

## 'וְיָרֵאתָ – מֵּאֱלֹקֶיךָ' אֲנִי ד'.

**'וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ'** און די פסוק זאגט ווייטער 'וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ', **פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה לְךָ בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה מִלִּפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** דאס מיינט אז דו זאלסט האבן א בּוּשָׁה און הַכְנָעָה פונעם באשעפער דער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים ביז דיין זעהל וועט אויסגיין פון מורא צו השי"ת, **עַד שֶׁיְּיַחֵד שְׁמוֹ עָלֶיךָ לִהְיוֹת נִקְרָא אֱלֹקֶיךָ** אז דו זאלסט אזוי מורא האבן פונעם באשעפער (וְיָרֵאתָ) ביז דער באשעפער וועט קענען דערמאנען זיין נאמען אויף דיר (אֱלֹקֶיךָ) ביים לעבן.

**וְאָז 'וְיָרֵאתָ'** און דעמאלסט וועט זיין אז 'וְיָרֵאתָ', **הַבְּחִינַת יִרְאָה שֶׁיִּהְיֶה לְךָ יִהְיֶה 'מֵאֱלֹקֶיךָ'** אז די בחינת יִרְאָה וואס דו וועסט האבן וועט זיין פון 'אֱלֹקֶיךָ' פון דער באשעפער וואס וועט רוען אויף דיר.

**הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לָבֹא לִבְחִינָה זוֹ בִּשְׁלֵימוּת, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

יז. וואס געווענליך מיינט 'הָדַרְתָּ' א לשון פון באשיינען, אבער דא גייט עס דער בת עין טייטשען אלס א לשון פון 'נאכגיין'.

לע"נ האשה חשובה
מרת **דבורה** בת הרה"ח ר' **משה אהרן** ע"ה
נפטר י"א אייר
**ת.נ.צ.ב.ה.**

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען ווענכטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com